בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

משפטים- שקלים
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

# ערליכקייט און געלט

## חלק א: באוואוסטזיניגקייט צו די הלכות

### איז יעדער איד אן אדוואקאט?

**ווען** מען לערנט אין די תורה פרשת משפטים, הייבן מאנכע מענטשן אן צו שפירן ווי עס מיינט נישט זיי. ביז יעצט האט מען געלערנט פון יציאת מצרים, קריעת ים סוף, מעמד הר סיני און אפילו די געשיכטעס וואס אידישע קינדער האבן זיך אפגערעדט; דאס אלעס ערוועקט אינטערעס. אבער די דאזיגע פרשה איז פול מיט הלכות און דינים; טראכטן מענטשן, 'צי וועלן מיר אלע זיין דיינים אדער אדוואקאטן?'

איך געדענק, א לאנגע צייט צוריק האב איך באגעגנט א אידישער גאס רייניגער. דאס איז געווען פיל יארן צוריק ווען עס איז געווען אן ארבעט וואס שטאט ארבעטער האבן געריבן און גערייניגט די גאסן. ער איז געווען געקליידט אין א ווייסן אוניפארם, שטופנדיג אן עמער אויף רעדער מיט א בארשט אין האנט, און ווען ער האט מיר געזען האט ער זיך אפגעשטעלט רעדן צו מיר. ער איז געווען שטאלץ מיר צו דערציילן אז זיין אייניקל לערנט אין א ישיבה. אבער עס האט אים עפעס געשטערט, "איך בין ערשטוינט!" האט ער געזאגט, "ער פארברענגט זיינע פארמיטאג שעות לערנענדיג הלכה!" ער האט מיר איבערגעזאגט וואס זיין אייניקל לערנט - ער האט מיר ערקלערט דעם אנהייב פון בבא קמא. "מיין אייניקל איז נישט א געזעץ שילער - ער איז בלויז אין כתה ד!" האט ער געזאגט, "פארוואס טרענירן זיי אים צו זיין אן אדוואקאט?"

עס איז א גוטע קשיא. דא געפינט זיך א קליין אינגל, און זיין מח ווערט אנגעפילט מיט א שור און א בור און א מבעה און א הבער; די אלע אבות נזיקין און די תולדות - אלע סארט אופנים פון שאדנס. און עס איז נישט בלויז איין ישיבה וואס האט דער מהלך - דאס איז דער מהלך פון דאס אידישע פאלק; אייגנטליך דער מהלך התורה.

### א מהלך אין די תורה

**ווער** עס לערנט גמרא ווייסט אז אגדתא און ענינים פון מידות טובות פארנעמען בלויז א זיבעטל טייל פון די גמרא - די אנדערע זעקס טיילן זענען פול מיט קאמפליצירטע הלכות. עס איז שטוינענד וויפיל צייט און פלאץ ווערט אוועקגעגעבן פאר פרטים און פרטי פרטים - פיטשיוווקעס און טעכנישע איינצלהייטן אין הלכה. בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא! דריי גרויסע מסכתות; עמודים נאך עמודים פון דיני ממונות און דיני נזיקין ווערן ארויסגעלערנט פון פרשת משפטים! און יונגע מענטש פארברענגען זייער לעבן דאס צו לערנען. יארן נאך יארן גייען אריבער; זיי האבן אין די צייט געקענט לערנען ווי אזוי צו קונה זיין גוטע מידות. זיי האבן געקענט לערנען מסילת ישרים אדער חובת הלבבות אין די צייט. עס זעט אויס ווי מיר דערלייגן פיל גרויסע זאכן צוליב די צייט וואס מיר פארברענגען מיט די דריי בבות גמרא.

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

אבער אזוי דארף עס זיין. אין בבא קמא (ל.) פרעגט די גמרא די פאלגנדע שאלה - עס איז א וויכטיגע שאלה ווייל עס איז נוגע פאר אלע פון אונז: מַאן דְּבָעֵי לְמֶהֱוֵי חֲסִידָא - אויב איינער וויל זיין א חסיד, אן ערליכער מענטש, איז וואס זאל ער טון?

יעצט, שטעלט זיך פאר איינער זאל אונז פרעגן די שאלה. מיט אביסל קאפ, וואלטן מיר זיכער אויסגעטראפן ווער ווייסט וואספארא סארט פראגראם! מיר וואלטן אפשר געזאגט, "ערשט אויף די רשימה איז צו פאסטן - פאסטן אסאך! און זאגן פיל תהלים!"

## די באדייט פון חסידות

**אבער** די גמרא דערמאנט נישט קייןווארט איבער די זאכן אין די תשובה צו די שאלה. קען זיין אז א חסיד פאסט און זאגט תהלים אויך, אבער דא אין די גמרא ווערט גארנישט געזאגט איבער דעם. וואס זאגט יא די גמרא? לִיקַיֵּים מִלֵּי דִּנְזִיקִין? - ער זאל מקיים זיין די ענינים פון נזיקין, דאס הייסט שאדנס (בבא קמא ל.). לערנענדיג פרשת משפטים - די הלכות ווי אזוי אפצוהיטן א צווייטן'ס געלט, דאס איז דער וועג צו חסידות.

דאס מיינט נישט אז בלויז ווייל דו גייסט נישט ארויס מיט שטיינער און דו שיסט נישט אויס דיין שכן'ס פענסטער ווערסטו שוין באטראכט אלס א חסיד. ניין. חסידות מיינט פיל מער ווי דאס. אבער מַאן דְּבָעֵי - אויב דו ווילסט ווערן א חסיד, אויב דו ווילסט דערגרייכן צום שפיץ פון שלימות, איז דאס דער ערשטער שריט - צו אכטונג געבן אויף א צווייטן'ס אייגנטום.

פיל מענטשן טראכטן פון חסידות אינגאנצן עפעס אנדערש, אבער דער מסילת ישרים (הקדמה) לערנט אונז, הַחֲסִידוּת הָאֲמִתִּי הַנִּרְצָה וְהַנֶּחְמָד רָחוֹק מִצִּיּוּר שִׂכְלֵנוּ - אמת'ע ערליכקייט וואס איז באווליגט און באליבט ביים באשעפער איז ווייט פון יעדע פארשטעלונג פון אונזער פארשטאנד.

לאמיר דערציילן אן אמת'ע מעשה וואס איך האב צוגעזען. א געוויסער בחור האט געוואלט אריינגיין אין מיין שול צו לערנען תורה. די טיר איז געווען פארשפארט, אבער ער איז געווען א מתמיד פול מיט חשק, האט ער פראבירט זיך אריינצובאקומען דורכ'ן פענסטער. איך בין פונקט אנגעקומען ווען עס האט זיך דורך אים צובראכן די פענסטער. ער האט נישט געמיינט עס צו צוברעכן; ער האט נאר פראבירט מיט געוואלד עס צו עפענען, וואס דערביי האט זיך עס צובראכן. א נייע פענסטער קאסט אסאך געלט, אבער ער איז געווען א ישיבה בחור, זעכצן יאר אלט, אן קיין געלט, האב איך גארנישט געזאגט, כאטש ער וואלט באמת געדארפט באצאלן.

## דער בעקישע חסיד

**אפאר** חדשים שפעטער האב איך אים געטראפן אין גאס שבת. ער איז געווען אנגעטון מיט א זיידענע חסיד'ישע קאפאטע. הערליך! עס איז געוואלדיג צו באשיינען דעם שבת קודש מיט שיינע מלבושים. איך האב אבער געוואוסט פון וואו דער בחור קומט, ער איז אינגאנצן נישט געווען פון קיין חסיד'ישער אפשטאם. איך ווייס אפילו נישט אויב זיינע עלטערן זענען שומרי שבת. ער האט אליין אויסגעוועלט צו גיין מיט א זיידענע חסיד'ישע קאפאטע, זייער פיין, אבער עס קאסט אסאך געלט! האב איך געטראכט צו מיר, "דאס איז זיין וועג פון זיין א חסיד?" אין די גמרא שטייט אבער אן אנדערע דרך - נישט אזוי גלאנציג - פון זיין א חסיד: מַאן דְּבָעֵי לְמֶהֱוֵי חֲסִידָא - איינער וואס וויל זיין א חסיד, די ערשטע זאך איז לִיקַיֵּים מִלֵּי דִּנְזִיקִין - ער זאל מקיים זיין אלע פרטים פון נישט מאכן קיין שום שאדן פאר יענעם. א חסיד טראכט פאר ער שטופט שטארק אויף יענעם'ס פענסטער און אויב ער צעברעכט עס, באצאלט ער דערפאר.

שטעל זיך פאר דו ביסט אן עסקן וואס צעטיילט פאר פסח קמחא דפסחא פעקלעך פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליעס. דו גייסט אריין אין דיין קאר, אנפילנדיג עס מיט פארשידנארטיגע פעקלעך - מצות, פלעשער וויין און נאך פיל אנדערע זאכן. דו ביסט אזא ספעציעלער איד! עס מוז זיין אזוי, ווייל דו געבסט אוועק פון דיין אייגענע צייט און געלט צו העלפן אנדערע.

בשעת דו שטעלסט אריין די פעקלעך אין קאר, לאזט שטיין געוויסע פעקלעך אינדרויסן, אינמיטן וועג וואו מענטשן קענען פאלן איבער דעם. אדער פארסטו גאר שנעל ווייל דו האסט זייער אסאך צו אניאגן. "אוי!" זאגט דער באשעפער, "דו מאכסט א בור ברשות הרבים! און דיין פארן צו שנעל איז אן אדם המזיק! דאס איז ערגער ווי אז דו זאלסט אינגאנצן נישט אויסטיילן די פעקלעך."

דער שטראף פאר א מזיק איז פיל הארבער ווי פאר איינער וואס איז נישט קיין גומל חסדים טובים, ווייל די ערשטע זאך וואס איז ערווארטעט פון א איד איז נישט עובר צו זיין אויף הלכות נזיקין. וואס עס קומט דערנאך איז זיכער א גוטע זאך אבער דער ענין פון נזיקין איז פון די ערשטע פאראנטווארטליכקייטן וואס ליגן אויף אונז.

## יעדער טראכט ער איז ארנטליך

**אז** מען לערנט נישט אלע פרטי הלכות אין פרשת משפטים, האט מען נישט קיין אנונג וואס איז ריכטיג און וואס נישט. און אז מ'לערנט נישט בבא קמא און בבא בתרא, איז מען אן אוממענטש, כאטש מען מיינט אז מען פירט זיך גאר ארנטליך. ביי זיך מיינט יעדער אז ער איז ארנטליך - נאר דער צווייטער טוט אומרעכטן.

לאמיר דערציילן א קורצע מעשה. עס איז געווען א תקופה וואס איך האב זיך באנוצט מיט א טעקסי יעדן טאג. איך האב געדארפט גיין פון איין ישיבה צום צווייטן צו געבן א שיעור. איך האב געהאט דעם זעלבן דרייווער וואס האט מיר געפירט יעדן טאג; ער איז געווען אן אלטער אמעריקאנער איד, אן אכציג יעריגער מאן. מיט די צייט איז ער געווארן נאנט באפריינדעט מיט מיר. ער איז געווען אן עם הארץ, ער האט אינגאנצן נישט געוואוסט ווי אזוי צו לערנען א זאך. ער האט אפילו נישט געקענט דאווענען אין א סידור. איין זאך האט ער יא געוואוסט; אז די ארטאדאקסישע אידן זענען נישט גוט.

אזוי פירנדיג מיר אין זיין קאר האט ער מיר אויסגעפאקט אלע זיינע קריטיק אויף ארטאדאקסישע אידן, אלע זיינע טענות; דאס און יענץ און אין די זעלבע צייט, האט ער זיך אויסגערימט ווי ארנטליך ער איז - אנדערש ווי די ארטאדאקסישע אידן. ענדליך זענען מיר אנגעקומען קיין פלעטבוש - מיר האבן נאך געדארפט פארן א היבשע וועג - אבער ער האט פארלאשן דעם מיטער (פרייז רעכן מאשין). האב איך אים געפרעגט, "פארוואס פארלעשסטו דער מיטער?" האט ער געענטפערט, "ווייל מיין בעל הבית האט שוין גענוג פארדינט היינט. די איבעריגע טייל וויל איך פארדינען."

דאס איז געווען דער מענטש וואס האט זיך געגרויסט מיט זיין ארנטליכקייט! עס איז אים אפילו נישט איינגעפאלן אז ער טוט עפעס נישט ריכטיג; ער האט נישט געקלערט א מינוט אז ער פירט זיך ווי אן אוממענטש.

אזוי איז עס - די נישט ארטאדאקסישע ווייסן אפילו נישט אז זיי זענען אוממענטשן, זיי האלטן נאר אז די ארטאדאקסן זענען אוממענטשן, צוליב דעם אליין ווייל מען הייסט אן ארטאדאקסישער איד.

ווייל מענטשן וואס לערנען נישט קיין הלכות, זיי פארלאזן זיך אויף זייער אייגענער געפיל צו וויסן וואס איז ריכטיג און וואס נישט, זענען זיי טויזנט מאל ערגער ווי זיי קענען זיך נאר פארשטעלן. און אויך די וואס לערנען יא, די תלמידי חכמים, דארפן טראכטן ביי יעדן ריר וואס זיי טוען - אויב מען טראכט נישט פאלט נישט איין אויף וואס מען קען אלץ עובר זיין.

## דער גנב מיט'ן שווארצן הוט

**איך** בין אמאל אריין אין א ישיבה און געזען א יונגערמאן לערנען גמרא, פרק מרובה - דער זיבעטער פרק פון בבא קמא. עס רעדט זיך דארט איבער די הלכות פון איינער וואס האט גע'גנב'ט, זיין התחייבות. ער האט געלערנט מיט א שטארקע התמדה, עס איז געווען א נחת צו צוקוקן. ער האט געלערנט הויך: מְרוּבָּה מִדַּת תַּשְׁלוּמֵי כֵּפֶל מִמִּדַּת תַּשְׁלוּמֵי אַרְבָּעָה וַחֲמִשָּׁה. ער האט עס געזאגט מיט אזא געשמאק! ער האט דערביי אויסגעקלארט אלע פרטים פון באצאלן כפל, באצאלן א קנס ווען מ'ווערט געכאפט ביי די גניבה.

אינצווישן האב איך באמערקט אז ער לערנט פון א 'געבארגטע' גמרא פון מיין שול! עס איז אים אפילו נישט

איינגעפאלן אז דער גנב פון וואס די גמרא רעדט איז ער אליין! גנב'נען א גמרא הייסט נישט גניבה?! צו זיין מזל בין איך געווען דארט און געזען.

דאס ווייזט אז אפילו אויב מען לערנט יא די הלכות, איז דאס די ערשטע שטאפל - מען דארף אלעמאל געדענקען די הלכות אין קאפ און זיין אויפמערקזאם דאס צו מקיים זיין. אלע הלכות פון וואס די תורה רעדט לויט געוויסע אופנים, זענען ביישפילן וואס מיר דארפן צופאסטן צו די אומשטענדן פון אונזער טאג טעגליכן לעבן.

א מענטש איז נישט פאראנטווארטליך נאר אויף אן אקס. ווען איינער לערנט די הלכות פון א שור, דארף ער נישט טראכטן נאר פון אן אקס. ער דארף פארשטיין אז דער באשעפער באפעלט אים די זעלבע אויך אויף אנדערע זאכן. די דאזיגע הלכות זענען נוגע פונקט אזוי ביים איבערלאזן א זעקל אינמיטן וועג 'בלויז אויף א מינוט', אדער ביים אראפווארפן א באנאנע שאלעכץ אויף די ערד און איבערלאזן אן אומריינע פאפיר אויפ'ן טיש. דאס זעלבע איז אויך שייך ביי דעם אופן ווי אזוי ער פארט, וואס ער לאזט איבער אויף טרעפ און אויף א פוס וואס ער שטעקט ארויס אין א דורכגאנג וועג. אלע שאדן וואס ער איז גורם פאר אנדערע דורך זיין נאכלעסיגקייט ווערט באשטראפט דורך דיני שמים, וואס קען אמאל גערעכנט ווערן גאר הארב ביים באשעפער.

## חלק ב: באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער

### דער סוד אין פרשת משפטים

**אצינד** קומען מיר צו אונזער נושא פון וואס מיר ווילן רעדן, ווייל אלעס וואס מיר האבן אויסגעשמועסט ביז אהער איז בלויז א הקדמה - א וויכטיגע הקדמה - צו דעם סוד אין פרשת משפטים.

למעשה ערוועקט זיך דאך א גרויסער וואונדער: טראץ ווי וויכטיג די הלכות אין פרשת משפטים זענען, וואס דאס פאדערט א שטענדיגע חזרה און אויפמערקזאמקייט, פארוואס איז עס אבער אזוי קריטיש אז דאס זאל זיין די ערשטע זאך וואס אידישע קינדער זאלן האבן געהערט פון באשעפער נאך מתן תורה?

לאמיר בעסער ערקלערן די שאלה: די וואונדערליכסטע און געהויבנסטע געשעעניש וואס כלל ישראל האט און וועט נאר אמאל בייוואוינען איז געווען דער מעמד פון קבלת התורה. מיר זענען געשטאנען ביים הר סיני און געזען וואס קיינער פריער האט נישט געזען: הֲנִהְיָה כַּדָּבָר הַגָּדוֹל הַזֶּה אוֹ הֲנִשְׁמַע כָּמֹהוּ: הֲשָׁמַע עָם קוֹל אֱלֹקִים מְדַבֵּר מִתּוֹךְ הָאֵשׁ כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ אַתָּה וַיֶּחִי: - צי איז דען אמאל געווען אזא גרויסע זאך, אדער איז אמאל געהערט געווארן אזוי ווי דאס?! צי האט דען א פאלק געהערט דאס קול פון באשעפער רעדן פון אינמיטן די פייער אזוי ווי איר האט געהערט און געבליבן לעבן?! (דברים ד:לב,לג).

ווען די אידן האבן געהערט דאס פארכטיגע קול צום ערשטן מאל, די ווערטער "אָנֹכִי הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ - איך בין דער באשעפער, דיין ג-ט," האט דאס ערוועקט די גרעסטע מאס ליבשאפט און לעכצעניש צום באשעפער וואס אונזער פאלק האט אמאל געשפירט. עס איז קיין ספק נישט אז די אידן זענען געווען אויף א הויכע מדריגה פון התלהבות און חשק און זיי האבן אצינד ערווארט צו הערן 'ווער ווייסט וואספארא סארט' הדרכה צו קענען גיין אויף דעם וועג וואס פירט צום באשעפער! זיי האבן געוואלט לערנען די העכסטע דרגות פון השקפה און מידות, די טיפסטע סודות התורה און די באהאלטענע שאיפות פון אונזער ציל אין לעבן - ווי אזוי צו דערגרייכן שלימות אין התדבקות צום באשעפער. דאס האבן זיי ערווארט און זענען געווען גרייט צו מקבל זיין אלעס. "נעשה ונשמע! - מיר ווילן טון אלעס! נאר לערן אונז דעם דרך אויף וועלכן צו גיין כדי צו דינען דעם באשעפער אויפ'ן בעסטן אופן און מיר וועלן שוין לויפן דאס אלעס אויסצופירן."

### די שטוינענדע אנטוישונג

**און** וואס האט דאן פאסירט? א שטוינענדע זאך! דער באשעפער איז אראפגעקומען אויף דעם בארג סיני און געזאגט צו זיין פאלק, "אה, איר זאגט נעשה ונשמע? איר זענט גרייט צו טון? איז לאזט מיר אייך זאגן וואס איך

באגער: וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם - און דאס זענען די דינים וואס דו, משה, זאלסט שטעלן פאר זיי (שמות כא:א); הלכות ווי אזוי צו האנדלען מיט א צווייטן איד - דינים פון אלע סארטן שאדנס וואס מען קען גורם זיין און ווי אזוי מען זאל זיך פירן אין געלט ענינים איינער מיט'ן צווייטן. מיט דעם וויל איך איר זאלט אנהייבן."

מיר זעצן זיך אראפ און לערנען פרשת משפטים מיט'ן פירוש רש"י, מיר ליינען א געזעץ ספר! די טרוקענע דעטאלן ווי אזוי צו באהאנדלען א צווייטן'ס אייגנטום; זיינע קווען און שפעלעך, זיין העמד און לאנד. אלע פארשידנארטיגע באצאלונגען פאר קערפערליכע שעדיגונג און הלכות פון עוולות און קאנטראקט אונטערשריפטן. פרשת משפטים איז דער מקור אין די תורה פון דיני ממונות.

און דאס איז די גרויסע שאלה וואס די אידן האבן געהאט: משפטים?! דאס זענען דאך נישט די הויכע השקפות אויף וואס מיר האבן געווארט! צוליב דעם האבן מיר מקבל געווען די תורה?! מיר האבן נארוואס געהערט דאס פארכטיגע קול פון באשעפער, "איך בין דער באשעפער אייער ג-ט"! די מעכטיגע דינערן, די פייערדיגע בליצן און דער רויכערדיגער בארג! מיר האבן געזען די שכינה מיט אונזערע אויגן! צוליב דעם?! נאר כדי צו הערן די פשוט'ע דינים פון געלט?!

## אויף דעם האב איך געווארט?!

**לאמיר** זיך פארשטעלן א בעל תשובה וואס טרעט צום ערשטן מאל אריין אין א ישיבה. ער וויל הערן איבער גרויסע השגות; ער וויל לערנען איידעלע מידות און שיינע השקפות. און אנשטאט, וואס לערנט מען אים? דער ערשטער ספר וואס מ'דערלאנגט אים צו לערנען איז א גמרא, סדר נזיקין! ער האט ערווארט השגות און אנשטאט געבט מען אים א קורס אין פינאנציעלע דינים.

ער זוכט דעם באשעפער, און אנשטאט דעם טרעפט ער הלכות פון וואס מען דארף טון אויב איינעם'ס בהמה טרעט אריין אין א צווייטן'ס פעלד און עסט דארט פון די תבואה, אדער, אויב מען לאזט איבער א פאס ווין אין אן אפענער דורכגאנג און איינעם'ס קעמל פאלט איבער דעם. און אזוי גייט עס ווייטער און ווייטער מיט די סארט הלכות.

דער בעל תשובה ווערט צעמישט - דאס זענען די הויכע השגות וואס איך האב ערווארט צו געפינען אין די תורה?

אט אזוי האט דאס אידישע פאלק געשפירט שטייענדיג ביים הר סיני. מיר האבן נארוואס געהערט דער פארכטיגער ערשטער דיבור פון אנכי ה' אלקיך און מיר האבן געזאגט, "מיר וועלן טון און מיר וועלן הערן" - און דאן, ווען אונזערע הערצער זענען אפן צו אלעס, גרייט צו הערן די געהויבנסטע השגות, באקומען מיר משפטים?!

## דער טיפער באדייט פונעם ערשטן דיבור

**אצינד** הערט גוט צו, צו די תשובה. וואס אייגנטליך באדייט דער "אנכי ה' אלקיך - איך בין דער באשעפער"? וואספארא באפעל איז דאס? דער באשעפער זאגט אונז דא גארנישט וואס מיר דארפן טון - עס איז בלויז א ווארט, א פאקט. אבער וואס דארפן מיר טון דערוועגן?

לאמיר זען וואס דער רמב"ם ערקלערט: לֵידַע וּלְהַאֲמִין - דאס איז א דיבור צו וויסן און גלייבן אין דעם באשעפער. גוט, אויב אזוי, איז עס גאנץ פשוט. באלד ווי מיר הערן דאס, איז עס ערלעדיגט. איך בין מסכים, איך בין מקבל. נאר ווייזט מיר וואו צו אונטערשרייבן אויף דעם הסכם און עס איז אלעס ערלעדיגט.

ניין, ניין, עס איז ווייט פון צו זיין ערלעדיגט! דאס איז נאר דער אנהייב. אנכי ה' אלקיך מיינט אז דיין עבודה איז, צו לערנען ווי אזוי צו זיין באוואוסטזיניג צום באשעפער אלץ מער און מער. עס איז נישט גענוג נאר צו אנערקענען אין דעם - בלויז צו אננעמען דער מציאות ה' אלס א פאקט; צו אפמורמלען אפאר ווערטער, "אני מאמין באמונה שלימה - איך גלייב, איך ווייס," און דערנאך ווייטער גיין מיט'ן לעבן, נאר מיר דארפן אריינברענגען די השגות אין אונזער לעבן. נישטא קיין אויסוועג! אנכי ה' אלקיך איז א מצוה וואס מיר קענען זיך קיינמאל נישט אפשטעלן פון מקיים זיין. אט די דריי ווערטער קומען צו אויסדריקן די וויכטיגקייט פון קונה זיין נאכאנאנד מער און מער

באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער - צו טראכטן אלעמאל פון באשעפער!

## משפטים - די פרטים פון 'אנכי'

**טאקע** צוליב דעם, איז באלד נאך מתן תורה געקומען די פרשה פון משפטים. ווייל אין די צייט וואס דער 'אנכי ה' אלקיך' איז דער כלל גדול וואס זיי האבן געהערט אין דעם גרויסן טאג, זענען אלע פרטים ווי אזוי צו זיין שטענדיג באוואוסטזיניג צום באשעפער געגעבן געווארן אין פרשת משפטים.

די ברייטע נושא פון נזיקין - אלעמאל צו זיין אויף די וואך נישט צו גורם זיין שאדן פאר אנדערע מענטשן אדער זייערע אייגנטום און געפילן - פאדערט א נאכאנאנדע באוואוסטזיניגקייט אז דער באשעפער זעט די מעשים פון א מענטש, אויך ווי אזוי ער פירט זיך מיט אנדערע מענטשן. דאס איז דער יסוד אין עבודת ה' - 'דו ביסט באוואוסטזיניג אין אלע צייטן אז דער באשעפער זעט און ער פארלאנגט שטענדיג עפעס פון דיר! דאס איז די גרעסטע שלימות פון אויספירן דער אנכי ה' אלקיך!'

## גראבן א גרוב אויף דיינע טרעפ

**לאמיר** זאגן דו לייגסט אוועק דיינע פסח'דיגע כלים - דו שלעפסט אלעס אראפ, ווען אינצווישן באמערקסטו איין זאך וואס דו ווילסט איבערלאזן אינדרויסן צווישן די חמץ'דיגע כלים צו ניצן אויף א גאנץ יאר. לייגסטו דאס אראפ אויף די טרעפ, אויף ביזדערווייל דו טראגסט אראפ די איבריגע כלים.

אה ניין! טרעפ זענען א רשות הרבים וואו מענטשן גייען ארויף און אראפ, און אנדערע איינוואוינער אין דעם בנין ניצן דאס אויך. דו לייגסט זייער לעבן אין סכנה מיט'ן שטעלן א זאך אינמיטן וועג. אויב איינער וועט דארט אריבערגיין, ווייסטו וואס עס קען פאסירן?

משפטים באדייט אז דו קענסט נישט טון וואס עס גלוסט דיר.

דו האסט ארבעטער? דו דארפסט זיי צאלן געהאלט? "איך האב יעצט נישט קיין געלט." "איך וועל באצאלן אביסל יעצט און די איבריגע קומענדיגע וואך, אדער קומענדיגער חודש." דיני ממונות לערנט אבער: לֹא תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר - דו דארפסט באצאלן געהאלט פאר דער זון גייט אונטער (ויקרא יט:יג).

דער חפץ חיים האט אמאל אויפגענומען א בעל עגלה ער זאל אים ערגעץ פירן. ווען ער איז אנגעקומען צום ציל און געוואלט באצאלן, האט דער בעל עגלה נישט געהאט קיין רעשט צו צוריקגעבן. איז דער חפץ חיים געלאפן בארגן געלט צו קענען באצאלן פונקטליך, נאך איידער דער זון גייט אונטער! ווייל אויב מען לעבט מיט די דינים פון די תורה אין קאפ איז מען אלעמאל אויפמערקזאם צו די התחייבות וואס דער באשעפער האט ארויפגעלייגט אויף אונז. עס איז נישט די זארג אז די ארבעטער וועלן גיין אויף סטרייק, זיי וועלן ארויסגיין קעגן זייער בעל הבית. דו ביסט שטרענג מיט זיך אליין, ווייל עס איז דא א גרויסער בעל הבית. דער אויבערשטער איז דער שטרענגסטער בעל הבית. ער זעט אלעס און ער איז זייער מאנענד ווייל אלעס געהערט צו אים!

## דער אמת'ער לענדלארד

**לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ** - די ערד און אלעס דערין געהערט צום באשעפער (תהלים כד: א). עס איז נאר אז וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם - ער האט געגעבן רשות פאר'ן מענטש צו גיין דערויף און ניצן די זאכן דערין (שם קטו: טז). די וואכזאמקייט אז דו טוסט בלויז דורכגיין א וועלט וואס געהערט נישט צו דיר, איז דער יסוד צו לעבן א לעבן מיט באוואוסטזיניגקייט צו דער ריכטיגער אייגנטימער פון די וועלט.

ווען דו אנערקענסט אז דו גייסט דורך א וועלט וואס געהערט נישט צו דיר, און אז וואס דו טוסט דא מוז געטון ווערן לויט די געזעצן פון דעם בעל הבית, ווערט דאס לעבן אן אנדער סארט לעבן. אין געוויסע ערטער קענסטו נישט גיין און געוויסע זאכן קענסטו נישט ניצן. דו קענסט נאר גיין דארט וואו דער באשעפער ערלויבט דיר צו

גיין, און דו קענסט נאר ניצן דאס וואס דער באשעפער ערלויבט דיר צו ניצן, און נאר אויף דעם אופן וואס ער טוט ערלויבן. אויב א געוויסער שטח געהערט צו א צווייטן, האסטו נישט קיין רעכט דארט אריינצושפאצירן, ווייל דער באשעפער האט דיר נישט געגעבן רשות. סיי וואו דו גייסט, סיי וואס דו ניצט, מוזטו אלעמאל אכטונג געבן צו אויספאלגן דעם באשעפער׳ס אנווייזונגען. ער געבט אונז רשות נאר מיט געוויסע באדינגונגען, וואס מערסטנס דערפון ווערן אויסגעשמועסט אין די מילי ד׳נזיקין אין פרשת משפטים.

## דער באשעפער איז בעל הבית אויף אלעם

**פאר** יעדן שריט וואס דו מאכסט אויף די וועלט, סיי וואספארא האנדלונגען דו האסט מיט אן אנדערן, אדער מיט א צווייטן׳ס אייגנטום, מוזטו זיין אויפמערקזאם אז דו האנדלסט מיט איינעם פיל גרעסער פון וואס דו האסט זיך פארגעשטעלט. אויב דו עסט עפעס וואס געהערט צו א צווייטן, גנב׳סטו פון באשעפער. אויב דו שפאצירסט אויף אן אנדערן׳ס שטח אן רשות, האט אויך דער באשעפער דיר נישט געגעבן ערלויבעניש; דו גייסט אריבער אויף דעם באשעפער׳ס שטח. ער האט נאר ערלויבט פאר דער מענטש וואס האט געמאכט אויף דעם א קנין, דער וואס האט קונה געווען אייגנטימערשאפט, צו ניצן אט דער אייגנטום פון באשעפער; יעדער אנדערער דארף זייער אכטונג געבן.

און דערפאר, צו זיין אויפמערקזאם אין אלע צייטן אויף ווי אזוי דו באהאנדלסט דער מענטש און יענער מענטש און ווי אזוי דו גייסט אום מיט דיין שכן׳ס שטח און דיין חבר׳ס חפצים, מיינט אז דו האסט אלעמאל אינזין דעם באשעפער, ווייל עס איז נאר מעגליך אויסצופירן אלע פרטים פון די הלכות אין די תורה אויב דו ביסט אויפמערקזאם צו דעם אז דער באשעפער קוקט און אז ער לייגט ארויף די התחייבות׳ן אויף דיר. ווי נאר דו פארשטייסט דאס, וועסטו דארפן זיין באוואוסטזיניג צום באשעפער א גאנצן טאג!

## די קליינע פעולות מאכן א חילוק

**די** גמרא אין חגיגא (ה.) זאגט, אז ווען א מענטש ווערט געשטעלט פאר׳ן מדת הדין, וועט מען אים דן זיין אויף אלעם - אויך אויף זאכן וואס עס איז אים קיינמאל נישט איינגעפאלן אז עס איז א פראבלעם. אֶת כָּל מַעֲשֶׂה הָאֱלֹקִים יָבִא בְמִשְׁפָּט עַל כָּל נֶעְלָם, זאגט שלמה המלך אין קהלת (יב:יד) - ער וועט געשטעלט ווערן פאר משפט אויף די אלע זאכן וואס זענען פארהוילן פון אים.

ערקלערט די גמרא, זֶה הַהוֹרֵג כִּנָּה בִּפְנֵי חֲבֵרוֹ וְנִמְאָס - דאס גייט ארויף אויף איינער וואס האט גע׳הרג׳ט א לייז קעגן זיין חבר און ער ווערט פאר׳מיאוס׳ט דערפון, אדער הָרָק בִּפְנֵי חֲבֵרוֹ וְנִמְאָס - ווער עס שפייט ארויס שפייעכץ אדער שליים קעגן זיין חבר און ער ווערט פאר׳מיאוס׳ט. כאטש דער מענטש איז נישט אינגאנצן שולדיג, עפעס האט אים געשטיקט אין האלז און ער דעקט אפילו צו זיין מויל, און דאס טוט ער נישט מיט א כוונה צו פארעקלען דעם צווייטן - וועט מען אים דן זיין אויף דעם ביום המשפט. דאס מיינט ווידעראמאל, אז מען דארף שטענדיג זיין באוואוסטזיניג צו דעם אז דער באשעפער זעט און קוקט נאך אלע מעשים.

ווען דו רעדסט צו א צווייטן בשעת דו ביסט פארקילט, מאך זיכער צו שטיין אפגעריקט פון יענעם. אויב דו וועסט אריינהוסטן אין זיין פנים, ביסטו א מזיק! דו גלייבסט נישט אין מיקראבן (זשערמס)? וואס איז א נפקא מינה אין וואס דו גלייבסט יא אדער נישט, דו ביסט א מזיק פון ערשטן קלאס!

עס זענען פאראן אזויפיל ענינים אין וואס מען דארף זיין פארזיכטיג. זאג נישט, "עס איז מן השמים, ס׳איז באשערט, אויף יענעם׳ס שאדן." ניין, דו נעמסט אויף זיך בלוט אויף דיין קאפ! דו וועסט באשולדיגט ווערן. אין יעדן פאל קען זייער שטארק אויסקומען אז דו וועסט געפינען ווערן שולדיג. די איינציגסטע עצה איז צו זיין באוואוסטזיניג פון דעם באשעפער א גאנצן טאג און דערביי זיין פארזיכטיג מיט מילי ד׳נזיקין.

## שטער נישט קיין מענטש!

**נישט** נאר מיקראבן! לאמיר זאגן דו רעדסט מיט איינעם אין דברי תורה און אזוי בשעת׳ן רעדן, לאזטו ארויס א

פלייץ פון פארפעסטעטע לופט פון דיין מויל. אוי, עס איז שווער פאר אים צו דערליידן דיין ריח! ער איז אפשר צו איידל צו אנטלויפן פון דיר, אבער דו ביסט א מזיק! דו נערוועירסט אים.

דער וואס איז אלעמאל באוואוסטזיניג מיט'ן באשעפער לעבט אנדערש. איך האב געקענט א צדיק וואס זיין קאפ האט אלעמאל געשוועבט אין הימל; זיינע מחשבות זענען שטענדיג געווען פארנומען מיט געהויבענע השגות. פונדעסטוועגן האט ער קיינמאל נישט געריידט מיט א מענטש איידער ער האט זיך גוט אויסגעוואשן זיין מויל. דאס איז געווען איינער וואס האט געלעבט מיט השקפות אין מוסר. נומער איינס, איז נישט צו שעדיגן מענטשן, נישט מאכן מענטשן אומבאקוועם. דאס איז דער ערשטער שטאפל אויפ'ן לייטער וואס פירט ארויף צום הימל.

און מיר פירן זיך אזוי ווייל דאס איז געווען דער דרך וואס דער באשעפער האט אונז געוויזן ביים אנהייב, ווען ער האט אונז געגעבן די תורה. גלייך נאך מתן תורה איז געקומען משפטים! ווייל כאטש די משפטים זענען א טובה פאר דער וואוילזיין פון מענטשן, ווי אויך פאר די שלימת המידות פאר דער וואס ארבעט זיך אויס צו זארגן פאר אנדערע, דאך איז די גרעסטע דערגרייכונג דערפון אז עס דינט אלס א נאכאנאנדע דערמאנונג אז דער באשעפער קוקט אלעמאל אראפ אויף אונזערע מעשים - אפילו אויף די קלענסטע פעולות - און אז מיר זענען שטענדיג מחויב זיך אויפצופירן אזוי ווי א מענטש פירט זיך אין אנוועזנהייט פון א קעניג. אזוי זענען אפילו די פשוט'סטע באשעפטיגונגען פון א איד דורכגעווייקט מיט באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער.

די דאזיגע באוואוסטזיניגקייט איז דיין שלימות אויף די וועלט און אן אנגרייטונג פאר אייביגע שמחה ווען דו וועסט ענדליך אנקומען זיך צו שיצן אינגאנצן תחת כנפי השכינה, בעולם הבא.

## פרשת שקלים - קליינע טיילן זאמלען זיך אן

### דער גרויסער טראסק

**אין** די צייטן ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, איז איינמאל א יאר פארגעקומען א גרויסע געשעעניש וואס האט געצויגן אסאך אויפמערקזאמקייט. די חז"ל דערציילן אז בְּאֶחָד בַּאֲדָר מַשְׁמִיעִין עַל הַשְּׁקָלִים - ווען חודש אדר איז אנגעקומען, האט מען אויסגערופן אין אלע שטעט: "די צייט איז געקומען צו צוזאמנעמען די מחצית השקל." יעדער איד האט געדארפט מנדב זיין א האלבער שקל וואס מען האט גענוצט צו קויפן די קרבנות ציבור אינעם בית המקדש. איבעראל, אין אלע ערטער וואו עס האבן געוואוינט אידן, זענען געקומען שלוחים, גבאים, צו איינקאסירן די מחצית השקל. כאטש וואס דאס איז געווען בלויז א האלבער שקל פון יעדן מענטש, האט זיך עס צוזאמגעזאמלט צו א ריזיגער סכום - מיליאנען מטבעות זענען אנגעזאמלט געווארן.

נאך וואס מען האט צוזאמגענומען די מחצית השקל פון אלעמען, איז עס נישט סתם אפגעשיקט געווארן קיין ארץ ישראל. אויסער דער גרויסער טראסק וואס מען האט געמאכט דורכאויס דער גאנג פון איינקאסירן די האלבע שקלים, איז אויך דאס אפצושיקן קיין ארץ ישראל פארוואנדלט געווארן צו אן אויסערגעוועינליכע צערעמאניע, עס איז געווען באגלייט מיט א גרויסע פייערונג. דאס אידישע פאלק האט אונטערגעשריבן אפמאכן מיט אלע קעניגן פון די לענדער וואס די שלוחים האבן געדארפט אדורכגיין צו איינקאסירן די געלט, אז מען זאל זיי ערלויבן צו אריבערגיין אומגעשטערט. עס איז זיי אפילו צוגעשטעלט געווארן א מיליטערישע באגלייטונג - זיי האבן געהאט מיט זיך א קליין ארמיי פון סאלדאטן וועלכע האבן מארשירט מיט זיי.

צוליב דעם איז דאס געווען א געלעגנהייט צו פארן פארזיכערט קיין ארץ ישראל, און טויזנטער מענטשן האבן דאס אויסגענוצט און זיך מיטגעכאפט מיט די מחצית השקל קאראוואנען קיין ירושלים. דער קאמפאניאן איז געווענליך באשטאנען פון צען טויזנט מענטשן וועלכע האבן זיך צוזאמגענומען פון שטעט און שטעטלעך אין בבל און אנדערע ערטער. ערשטנס, הַנְּהוּ דְּעַיְלִי מֵהָכָא לְהָתָם - עס זענען געווען פיל מענטשן וועלכע האבן געוואלט לערנען אין ישיבות אין ארץ ישראל, האבן זיי דאן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מיטגיין מיט דער קאראוואן. אויך,

אלע מתים וואס זענען געשטארבן אין בבל אבער זיי האבן געהאט געבעטן אז זיי ווילן באערדיגט ווערן אין ארץ ישראל זענען יעצט אויסגעגראבן געווארן - די קערפערס זענען ארויסגענומען געווארן פון די ערד - און זענען געטראגן געווארן מיט די קאמפאניאן קיין ארץ ישראל.

## צי דארף מען דען אנקומען צו דיר?

**וואס** איז געווען די סיבה צו דער גאנצער טראסק? אזא טומל איז געווען ביים צוזאמנעמען געלט פון אלעמען! נאכמער איז א וואונדער, דאס וואס די גמרא זאגט אז עס זענען געווען רייכע אידן אין ארץ ישראל וואס האבן זיך אנגעטראגן צו באצאלן פאר די קרבנות פון זייער אייגן געלט. דאס מיינט אז אפילו אויב א איד וואלט נישט מנדב געווען קיין מחצית השקל, וואלט מען געקענט מקריב זיין די זעלבע קרבנות, ווייל עס איז געווען גענוג געלט אויך אן זיינס. לאמיר זאגן עס מאכט זיך חלילה א קארגער איד, וואס יעדע מאל דער גבאי קומט קלאפן אויף זיין טיר, זאגט ער פאר זיין ווייב זי זאל אים זאגן אז ער קען נישט צוקומען. מיינט איר אז דאן וואלטן זיי זיך נישט געקענט ערלויבן צו קויפן בהמות פאר די קרבנות אין יענעם יאר? זיי וואלטן זיך גאנץ פיין אן עצה געגעבן אן צו באקומען געלט פון יעדן אייניציגן איד. עס האט באמת נישט אויסגעפעלט די גאנצע זאך!

אבער מיר לערנען אז עס איז פאקטיש יא געווען א גרויסער באדערפעניש דאס צו טון! דער גאנצער טומל, די גערודער ארום דאס איינזאמלונג פון דאס געלט פון יעדן, האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אין מח פון יעדן איד. ווייל אפילו א מענטש האט זיך געפונען מיילן ווייט אין אן אנדער לאנד - אפשר טראכט ער, "איך? וואס האב איך צו טון מיט די עבודה אין בית המקדש?" דאך איז ער ערוואַרטעט געווארן צו נעמען אנטייל אין די הייליגע עבודה פאר'ן באשעפער מיט דאס גאנצע פאלק.

## מאך ניצן פון דיין געלט

**ווען** דאס גאנצע געלט איז אנגעקומען קיין ירושלים, האט מען עס גענוצט צו איינקויפן בהמות פאר קרבנות. אזוי האט יעדער איד געהאט א חלק אין די קרבנות וואס זענען אויפגעברענגט געווארן אויפ'ן מזבח. דאס געלט איז אריינגעשטעלט געווארן אין א געוויסער לשכה, א צימער, וואו עס איז ארויסגעגאסן געווארן אין א ריזיגער הויפן. דערנאך זענען די כהנים געקומען מיט גרויסע עמערס, זיי האבן ארויסגעשעפט די מטבעות פונעם הויפן, אנפילנדיג פיל עמערס מיט מטבעות צו איינקויפן דערמיט בהמות פאר די קרבנות. ווען זיי האבן געדארפט ניצן נאך געלט, האבן זיי אנגעשעפט נאך עמערס פונעם הויפן.

אזוי, אפילו אויב א איד האט בלויז געגעבן א מינימאלע נדבה, ער האט בייגעשטייערט קליינער טייל פון די קאסטן פון א קרבן, איז ער אבער געווען א חלק פון די קרבנות - זיין געלט איז געלעגן אין די עמערס.

אזוי איז געווען אז די גאנצע צייט, ביי סיי וואס עס איז געטון געווארן אין בית המקדש, איז יעדער איד געווען דערביי. ווען מען האט מקריב געווען דעם קרבן תמיד, איז עס נישט געווען בלויז די עבודה פון דעם כהן וואס האט אויפגעברענגט דעם קרבן. עס איז געווען דער פרטיות'דיגער איד! די קרבנות, די קטורת, די הדלקת הנרות - זיין געלט האט געארבעט פאר אים. אפילו אויב ער איז געווען מיילן ווייט, אין אן אנדער לאנד - אפשר איז ער אפילו געשלאפן אין די צייט - דאך האט ער געהאט א טייל אין די עבודת בית המקדש.

דערפאר האט מען געמאכט אזא גרויסע איבערלעבעניש, אזא גאנצער טראסק, ביים איינזאמלען דאס געלט. יעדער איינער, נישט קיין חילוק וואו ער האט זיך געפונען, האט געוואוסט אז דאס איז זיין געלעגנהייט צו זיין נטפל לדבר מצוה, זיך צו באהעפטן מיט די עבודת בית המקדש. ווען זיי האבן געגעבן די מחצית השקל געלט, האבן זיי דערמיט געצייגט אז זיי פאראייניגן זיך מיט דאס אידישע פאלק - 'מיר ווילן זיין א טייל פון די וואס ברענגען די קרבנות. כאטש וואס אונזער טייל איז קליין, דאך, מיט אונזער פעולה ווייזן מיר אז מיר באטייליגן זיך, מיר אידענטיפיצירן זיך מיט די געהויבענע עבודת ה'.

## זיך באטייליגן מיט גוטע מעשים

**מיר** דארפן ארויסנעמען דער געוואלדיגער מוסר השכל דערפון, דאס איז איינע פון די טעמים פארוואס מיר ליינען נאך היינט צוטאגס פרשת שקלים; מיר זאלן זיך דערמאנען אין די שטארקע וויכטיגקייט צו ערוועקן אין זיך א רצון, א ווילן, זיך צו באטייליגן אין די גרויסע מעשים פון דאס אידישע פאלק. דאס איז זייער נויטיג ארומצורעדן, ווייל עס איז קלאר אז מערסטנס פון אונז קענען נישט אליין דערגרייכן צו טון גרויסע מעשים. נישט נאר וואס מיר אליין האבן נישט דעם זכות דערצו, נאר מיר האבן אויך נישט קיין השפעה אדער געלט. פונדעסטוועגן ווייל דער באשעפער אז מיר זאלן ציילגן אונזער ווילן צו משפיע זיין אויף די וועלט, זיך צו באטייליגן אין די געוואלדיגע מעשים פון דאס אידישע פאלק, אפילו ווען דאס איז אויף א קליינעם פארנעם.

אויב מיר באטייליגן זיך מיט געלט, טוען מיר זיך אידענטיפיצירן מיט אלע גרויסע אויפטוען, וואס דאן יְשַׁלֵּם שְׂכַר לְנִטְפָּל לְעוֹשֵׂי מִצְוָה כְּעוֹשֵׂי מִצְוָה - עס וועט געגעבן ווערן א גרויסער שכר פאר דער וואס באטייליגט זיך אין די מצוה כעושי מצוה - אזוי ווי דער וואס האט געטון די מצוה, עס איז ווי גלייך מיר האבן אליין געטון די גאנצע ארבעט, מיר באקומען דעם זכות פאר די גאנצע מצוה.

## דער ריכטיגער באדייט פון צדקה

**יעדער** קען דעם נוסח פון ונתנה תוקף, וואס שטייט געדרוקט אין מחזור פון ראש השנה און יום כיפור, וואס פירט אויס מיט די ווערטער: תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה - תשובה, תפילה און צדקה צערייסן שלעכטע גזירות. מיר זעען דארט, אז אונטער דיווארט 'תשובה' שרייבט דער בעל המחזור די ווארט 'צוֹם' - פאסטן; פארוואס? ווייל דאס איז דער מערסטער קענטיגער וועג פון תשובה - א מענטש פאסט כדי צו ווייזן ווי שטארק ער האט חרטה. אין אמת'ן פארלאנגט זיך צו טון פיל מער ווי בלויז פאסטן, אבער דאס איז גענוג א גוטער באוויז אז מען מיינט עס אמת'דיג.

די צווייטע זאך אין די רייע איז 'תפילה' - דאווענען - דאס פארשטייען אלע.

די דריטע זאך איז 'צדקה'. וואס מיינט צדקה? שטייט אין מחזור אונטער די ווארט 'צדקה' - 'ממון'. צדקה איז ממון, געלט. עס איז אינטערעסאנט פארוואס עס ווערט געשריבן די ווארט ממון אונטער צדקה - עס מיינט דאך די זעלבע זאך, עס זעט אויס איבריג.

אבער אייגנטליך איז דאס נישט איבריג ווייל צדקה מיינט נישט נאר געלט; צדקה באדייט גערעכטיגקייט. דאס וואס עס שטייט צְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת (משלי י:ב), מיינט אז ערליכקייט ראטעוועט פון טויט. כאטש וואס די גבאי צדקה קלאפן מיט די צדקה פושקעס אויסרופנדיג דעם פסוק, איז דאס בלויז א דרש - נישט 'געלט' איז דער פשוט'ער פשט, נאר 'ערליכקייט'.

אויב א איד איז ערליך אין יעדן הינזיכט, דאס מיינט אמת'ע צדקה. דאס איז וואס דער באשעפער וויל; דאס איז פשוטו של מקרא - מיר טאָרן דאס נישט פארטוישן. צדקה באדייט צדק, דאס מיינט צו לערנען און היטן די תורה; דינען דעם באשעפער מיט אלע מצוות ווי עס דארף צו זיין - בֵּין אָדָם לְמָקוֹם וּבֵין אָדָם לַחֲבֵרוֹ.

## דיין געלט איז א געלעגנהייט

**זענען** געקומען די חז"ל און אונז דערציילט א חידוש - אז צדקה איז ממון. דאס איז א גרויסער חידוש - דיין ממון, דיין געלט, תַּצִּיל מִמָּוֶת. דאס געלט וואס דו לייגסט אריין אין צדקה פושקע וועט ראטעווען דיין לעבן ווייל עס ווערט באטראכט ווי גלייך דו טוסט גוטע מעשים.

דאס קענען מיר פארשטיין דורך דעם לימוד פון די מחצית השקל; דיין צדקה, דיין געלט, טוט דיר רעפריזענטירן.

פארשטייט זיך, אויב דו טוסט זיך באטייליגן ממש פיזיש אין א גוטער טאַט, אויב דו קענסט משפיע זיין אויף איינעם צו ווערן א שומר תורה, אדער דו קענסט איינעם העלפן שטייגן אין עבודת ה', איז אודאי נישטא קיין

גרעסערע צדקה ווי דאס. מִצְוָה בּוֹ יוֹתֵר מִבִּשְׁלוּחוֹ - עס איז בעסער אליין צו טון די מצוה ווי דורך א שליח, אבער עס איז קיין שום ספק נישט אז פאר מערסטנס פון אונז איז ממון, געלט, א געוואלדיגע געלעגנהייט זיך צו באטייליגן אין אלע גרויסע אויפטוען פון אונזער פאלק.

ווען דו געבסט געלט פאר א ישיבה וואו בחורים זיצן און לערנען גמרא בייטאג און ביינאכט, איז עס דיין געלט וואס לערנט גמרא. דיין געלט לערנט יעצט מסכת בבא קמא.

אויב דורך דיין געלט ווערן ערליכע אידן גרעסערע עובדי ה׳, ביסטו דער וואס מאכט די עובדי ה׳!

דאס איז א ספעציעלער חסד וואס דער באשעפער האט געטון מיט אונז ווען ער האט אונז אנטפלעקט די זכי׳ וואס מיר האבן זיך צו קענען באטייליגן דורך אונזער געלט. ער האט אונז מגלה געווען אז עס איז נישט בלויז וואס דו האסט געגעבן געלט, דו האסט געטון די מצוה פון צדקה און שוין, האסט געענדיגט מיט די נושא. ניין, דו האסט נישט געענדיגט - דו האסט בלויז אנגעהויבן; דו האסט נאר אנגעהויבן צו אויפטון גרויסע זאכן!

## לערנען אינמיטן שלאף

**אפילו** ווען קריכסט אריין אין בעט, דו כאפסט א דרימל אינמיטן טאג, ארבעט דיין געלט ווייטער פאר דיר. ווען די מענטשן לערנען תורה אין די מוסדות, איז עס דיין געלט וואס לערנט תורה פאר דיר. אויב די בחורים לערנען שפעט ביינאכט אין בית המדרש, איז עס ווי דו זיצט נעבן די בחורים, דו ביסט דארט מיט זיי. דו ביסט נטפל לעושי מצוה!

נאכמער, ווען עס קומט די צייט אז דו וועסט איינשלאפן ביים סוף פון דיינע טעג, וועט נאך דיין געלט פארזעצן צו אנקלייבן זכותים פאר דיר. צומאל מיינט מען אז ווען א מענטש לאזט איבער נאך זיך זיין געלט פאר א ישיבה קענען די אדמיניסטראטערס זאגן: ״מיר האבן געענדיגט מיט אים, יעצט האבן מיר שוין זיין געלט און מיר קענען אים אראפנעמען פון אונזער אדרעסן ליסטע און אינגאנצן פארגעסן פון אים.״

דו האסט אפשר פארגעסן פון אים אבער דער באשעפער האט נישט פארגעסן! דער מענטש איז יעצט פארבונדן מיט די ישיבה! זיין געלט זעצט פאר צו צולייגן זכותים פאר אים. אויסדריקליך!

## געב וויפיל דו קענסט

**אודאי** אז ווי מער געלט דו געבסט טוסטו ארויסווייזן אלץ א גרעסערע באטייליגונג אין די געוואלדיגע מעשים פון אנדערע, אבער אויך אויב דו קענסט נישט געבן קיין גרויסע שטיצע פאר א ישיבה און מען קומט צו דיר זאגנדיג, ״אפשר ווילסטו אפקויפן דעם בית המדרש אויף דיין נאמען אדער דיין טאטע׳ס נאמען, עס קאסט בלויז 100,000 דאלער.״ אדער, ״אפשר ווילסטו קויפן א צימער אין די ישיבה פאר 30,000 דאלער.״ און דו קוקסט אויף זיי ווי זיי זענען אראפגעפאלן פון די לבנה - ״איך?! קוים וואס איך קען באצאלן דעם שכר לימוד פאר מיינע אייגענע קינדער! איך בין פטור! איך קען אפילו נישט טראכטן פון די גאנצע זאך!״

אה ניין! זאג נישט אזוי! זיך אינגאנצן ארויסדרייען? דאס איז א גרויסער פארלוסט, ווייל נִטְפָּל לְעוֹשֵׂי מִצְוָה כְּעוֹשֵׂי מִצְוָה - ווער עס באטייליגט זיך אין א מצוה וועט באקומען א געוואלדיגער שכר כעושי מצוה - פונקט ווי דער וואס טוט די מצוה. דער וואס געבט צושטייער פינף דאלער צו די פינף הונדערט דאלער פאר די ישיבה, האט זיך משתתף געווען מיט דער וואס האט געגעבן הונדערט טויזנט דאלער! ווילאנג ער האט געגעבן די מערסטע וואס ער האט געקענט, איז ער אויך א בויער. אן אויסצייכענונג אויפ׳ן וואנט וועט ער מן הסתם נישט באקומען, אבער ער פארדינט קרעדיט אויבן אין הימל, ווייל ער האט זיך אנגעשטרענגט זיך צו באטייליגן אין די מצוה; און זיין מחצית השקל וועט געדענקט ווערן ביים באשעפער אויף אייביג און אייביג בעולם הבא.

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
## משנכנס אדר מרבין בשמחה - ווען אדר קומט, פראבירן מיר צו מאכן מער שמחה. וואס מיינט דאס?

## תשובה:

**איך** וויל איר זאלט פארשטיין אז עס איז בכלל נישט שווער. מיר האבן אין זיך א קוואל פון שמחה ווייל ווען דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אין דעם מענטש א נשמה, האט ער אויך אריינגעבלאזן א קוואל פון פרייליכקייט. דאס גאנצע וואס איר דארפט טון איז אנדרייען דעם קראן און עס הייבט אן ארויסצוגיסן. עס איז מערקווירדיג וויפיל פרייליכקייט ליגט באהאלטן אין א מענטש'ס הארץ. אמת טאקע, צומאל דארף מען זיין א גוטער פלאמבער ווייל אפאר מאל איז די הארץ אנגעלייגט. אבער אויב איר ווייסט ווי אזוי עס צו אויפשטאפן, וועט איר פארשטיין צו קוקן אויף די זון שיין און זאגן, "ומתוק האור" - "ווי זיס איז די זון שיין," און הנאה האבן דערפון; איר ווערט פרייליך פון די זון שיין. שטעלט זיך דאס פאר! זיין פרייליך מיט זון שיין!

**איז** א גאנץ יאר זענט איר פארנומען מיט אלע סארט זאכן, אבער אין אדר, נעמט איר אביסל איבריגע צייט צו קוקן אויף די זון און איר ווערט מלא שמחה, פול מיט פרייליכקייט. עס שטייט: ומתוק האור - ווי זיס איז די ליכטיגקייט, וטוב לעינים לראות את השמש - ווי גוט איז צו זען די זון ליכט (קהלת יא:ז).

**אצינד**, איינמאל איר הייבט אן פראבירן, וועט איר איבערראשט ווערן צו אנטדעקן וויפיל פרייליכקייט איר האט אין אייער הארץ. ווען איר שפאצירט אינדרויסן און אטעמט לופט, אפילו קאלטע לופט, דאס איז פרייליכקייט. עס איז גוט, עס איז ריינע לופט, די קעלט העלפט רייניגן די לופט; עס הרג'ט די באצילן. ווען איר אטעמט אריין, זענט איר אזוי פרייליך. עס דרינגט אריין אין אייערע לונגען, עס טוט אייך אויפמונטערן, עס מאכט אייער בלוט רויטער און איר זענט אזוי פרייליך. און אזוי, משנכנס אדר מרבין בשמחה, "איך בין אזוי פרייליך, איך אטעם!"

**אין** ישיבה פלעגט מען זאגן אז די גרעסטע שמחה איז, פארשטייט זיך, תורה: אין שמחה כהתרת הספיקות - עס איז נישטא קיין גרעסערע שמחה ווי אויסקלארן עניני התורה. אלזא, ווען איר לערנט מער אין אדר, ווען איר זענט מצליח אין אייער לערנען, דאס איז די גרעסטע שמחה פון אלעם.

---

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד** מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**